סוג הבחינה : בגרות לבתי ספר על יסודיים

סמל שאלון :570301

מועד הבחינה : קיץ ה'תשע"ה (5775) – מאי 2015

יִדיש

מבחן בגרות

**3 יחידות לימוד**

הוראות לנבחן:

א. משך בחינה:שעתיים ורבע.

ב. מבנה השאלון ומפתח הערכה:

| <u>חלק</u> | <u>ניקוד</u> |
|---|---|
| חלק א': אַ מעשׂה + פֿראַגעס | 20 נק' |
| חלק ב': אַ מאמר + פֿראַגעס | 20 נק' |
| חלק ג': ליטעראַטור | 30 נק' |
| 1) פֿראַגעס אויף די טעקסטן – 20 נק' | |
| 2) קאָמפּאָזיציע – חיבור – 10 נק' | |
| חלק ד':גראַמאַטיק | 30 נק' |
| | <u>סה"כ</u>: 100 נקודות |

אַלע ענטפֿערס דאַרפֿן ווערן אָנגעשריבן אין העפֿט!

<u>חומר מותר בבחינה</u> :מילון יִדיש-עברי.

**זאָל זיַין מיט הצלחה!!!**

## חלק א'

# טעקסט 1 א מעשׂה

## ר' שלום-שכנא – זון פֿון דעם מלאך – אייניקל פֿונעם מעזעריטשער מגיד

תּקכ"ו – תּקס"ב

דער צדיק ר' שלום-שכנא איז אַריבער װוינען אין אַ נײַ שטעטל, פּראָהאָבישט.

צום ערשטן האָט ר' שלום באַשלאָסן בויען אַ נײַע שול.

חסידים האָבן זיך גענומען מיט ברען צום רבינס באַפֿעל און אָנגעפֿאַנגען בויען אַ שול, דער רבי ר' שלום אַליין האָט מיטגעהאַלטן מיט יעדער זאַך צי קליינס צי גרויס.

װען די אַרבעט איז שוין געווען גוט אַוואַנסירט האָט מיט אַ מאָל, דער רבי אַרײַנגערופֿן אַלע חסידים צו זיך, און געהייסן אויפֿן אָרט אָפּשטעלן די אַרבעט.

אַלע האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווי אַזוי קען דאָס זײַן! – דער רבי אַליין האָט דאָך געהאַט אַזאַ גרויסן חשק אויפֿצושטעלן די שול, זײַן ערשטער באַשלוס אויפֿן נײַעם אָרט איז דאָך געווען צו זאָרגן פֿאַר אַ שול, און איצט אָפּלאָזן אין מיטן די גאַנצע אַרבעט, אָן קיין סיבה ??? אַ וווּנדער!

אַריבער אַ שטיקל צײַט, דער בנין איז געבליבן שטיין אַזוי ווי מ'האָט אים איבערגעלאָזט, דאָס אָרט איז אָפּגעלאָזט געוואָרן, קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט זאַמד, שטיינער און ברעטער. ווילדע גראָזן זענען אַרומגעוואָקסן, קעץ האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

דער בנין איז געשטאַנען פּוסט און לער.

אַריבער אַ צײַט, רופֿט דער רבי אָן זײַנע חסידים און זאָגט צו זיי אַז פֿון מאָרגן אָן זאָל מען מיטן זעלבן אימפּעט ווײַטער זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט און פֿאַרענדיקן צו בויען די שול וואָס שנעלער.

"פֿאַר וואָס? וואָס איז ערשט הײַנט געוואָרן אַנדערשט פֿון נעכטן?" – האָבן די חסידים געשמועסט צווישן זיך, אָבער גלײַכצײַטיק זיך גענומען צו דער האָרעוואַניע מיט נאָך מער פֿלינקייט ווי פֿריִער.

גלײַך ווי מען האָט אָנגעהויבן צו בויען, האָבן די גוים פֿון שטאָט אָנגעפֿאַנגען זיי צו שטערן בײַ דער אַרבעט.

חסידים זענען אַרײַן צום רבין פֿרעגן וואָס צו טאָן? ווי אַזוי צו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר די גוים? ווי אַזוי צו רעאַגירן?

האָט זיי דער רבי געענטפֿערט: "נישט קוקן אויף קיין זאַך, זיך אומקערן צו דער אַרבעט, נאָר בויען און בויען און בויען און פֿאַרענדיקן דעם הייליקן בנין וואָס גיכער".

חסידים האָבן ממש נישט פֿאַרשטאַנען: ווען עס איז געווען גוט און רויִק און קיינער האָט נישט געשטערט האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט און איצט ווען עס איז אַזוי שווער און מ'ווייסט נישט ווי אַן עצה געבן זיך מיט די גוים איז אַרויס דער פּסק "בויען אָן אויפֿהער!"

אָבער אַז אַ רבי הייסט – מאַכט מען!

חנוכּת-הבית האָט דער רבי געגעבן צו פֿאַרשטיין וואָס איז אין תּוך געשען. ווען מען האָט אָנגעהויבן צו בויען און אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק, האָט ער זיך געטראַכט אַז אפֿשר קומט די הצלחה פֿון כּח הטומאה ווײַל גוטע זאַכן קומען דאָך אָן שווער!!

האָט ער זיך געוואָלט אויספרווון נאָך אַ מאָל.
אַזוי ווי דאָס מאָל האָבן די גוים זיך אָנגערופֿן איז ער איצט געווען זיכער אַז זײַן באַשלוס קומט פֿון צד-הקדושה און אַ סימן - די שוועריקייט, "גוטע זאַכן קומען נישט אָן גרינג, אַ וואָגן אָנגעפּאַקט מיט שפּענדלען שלעפּט זיך לײַכט".

## פֿראַגעס 3/4

1. וואָס האָבן די חסידים נישט פֿאַרשטאַנען? וואָס האָט געמיינט דער צדיק?
2. וואָס מיינט: 1/2:
1. "פּוסט און לער"
2. "גלײַכצײטיק" א. בזמן חלק ב. בזמן מתאים ג. בעת ובעונה אחת
3. דערקלערן: "גוטע זאַכן קומען נישט אָן גרינג, אַ וואָגן אָנגעפּאַקט מיט שפּענדלען שלעפּט זיך לײַכט "
4. שרײַב אָן דײַן מסקנה.

## טעקסט 2

# א מאמר

## רבי נפֿתּלי-צבֿי ראָפּשיצער (שבֿועות תּקכ- יא אייר תּקפּז) האָט וועגן זיך דערציילט:

אייִדער זײַן נשמה איז אַראָפּ אויף דער וועלט, האָט מען אים אַרײַנגעפֿירט אין דעם גרויסן היכל אין הימל און מען האָט אים געוויזן:
אויף דער ערשטער וואַנט איז געהאָנגען דער רעכטער לוח און אויף אים איז געשטאַנען געשריבן:
"זײַ וויסן אַז אויף דער וועלט, ווו דו וועסט אַראָפּנידערן וועסטו מוזן זײַן אַן אַכזר ווי דער קראָ (עירובֿין כב).
עס שטייט "שחורות כּעורבֿ", בײַ וועמען קען מען געפֿינען דבֿרי-תּורה? בײַ דעם מענטשן וואָס איז אַן אַכזר אויף זיך און אויף זײַנע קינדער ווי דער עורבֿ."....
אויף דער צווייטער וואַנט איז געהאָנגען דער לינקער לוח און אויף דעם לוח איז געשטאַנען געשריבן:
"ווער עס איז זיך מרחם אויף אַ מענטש – פֿון הימל איז מען זיך אויף אים מרחם." (חולין פּד)
ווײַטער, אויף דער ערשטער וואַנט איז געהאָנגען דער רעכטער לוח און אויף דעם לוח איז געשטאַנען געשריבן:
"אַ תּלמיד-חכם דאַרף זײַן אָנגעצונדן ווי אַ ברענענדיק פֿײַער." (תּענית ד')
אויף דער צווייטער וואַנט איז געהאָנגען דער לינקער לוח און אויף דעם לוח איז געשטאַנען געשריבן:
"דער מענטש דאַרף תּמיד זײַן אַן ענוו ווי הלל און נישט אַ בייזער ווי שמאי." (שבת).
אין המשך, אויף דער ערשטער וואַנט איז געהאָנגען דער רעכטער לוח און אויף אים איז געשטאַנען געשריבן:
"אַז מען זאָל אַוועקגעבן ס'גאַנצע געלט וואָס מען האָט." (כּתובֿות עא').

אויף דער צווייטער וואַנט איז געהאָנגען דער לינקער לוח און אויף אים איז געשטאַנען געשריבן:
"מען זאָל נישט אויסגעבן מער ווי אַ פֿינפֿטל." (כּתובּות נ' עמוד א').
צום סוף, אויף דער ערשטער וואַנט איז געהאָנגען דער רעכטער לוח און אויף אים איז געשטאַנען געשריבן:
"דער מענטש דאַרף זײַן אַ מסתּפּק במועט ווי רבי חנינה בן דוסא וואָס האָט גענוג געהאַט איין מעסטל באָקסער פֿון ערבֿ-שבת ביז ערבֿ-שבת?" (תּענית כד').
אויף דער צווייטער וואַנט איז געהאָנגען דער לינקער לוח און אויף אים איז געשטאַנען געשריבן:
"דער מענטש וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון ווײַן, ווערט אָנגערופֿן אַ זינדיקער." (תּענית יא).
די נשמה האָט געלייענט די צוויי לוחות וואָס אויף די בײדע וענט.
דער ערשטער לוח האָט סותר געווען דעם צווייטן לוח.
ווי די נשמה איז געשטאַנען פֿאַרטראַכט ווי אַזוי קען מען מקיים זײַן די מאמרים וואָס זענען אָנגעשריבן אויף די בײדע לוחות, אַז איין מאמר איז סותר דעם צווייטן האָט זיך געהערט דאָס געשרײַ: מזל-טובֿ! מזל-טובֿ! עס געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל!
פֿון דעמאָלט אָן זוכט דער רבי דאָס גאַנצע לעבן ווי אויסצוגעפֿינען דעם ריכטיקן וועג.

## 1. ענטפֿערן אויף די פֿראגעס 2\3

1. וועלכע מאמרים זענען מקל און וועלכע זענען מחמיר?
2. וועלכע זײַט איז מקל, וועלכע זײַט איז מחמיר ( אויף די לוחות)?
3. צי איז דער ראָפּשיצער דערגאַאַנגען צו אַ מסקנה ?

## 2 ציִען אַ פּאָס: 6\8

| | |
|---|---|
| א. מסתּפּק במועט | 1. אַכזר |
| ב. מיקל | 2. שמאי |
| ג. מחמיר | 3. הלל |
| ד. קראָ-עורב | 4. רעכטע וואַנט |
| ה. תּלמיד-חכם | 5. לינקע וואַנט |
| ו. ענוו | 6. רבי חנינה בן דוסא |
| ז. בייזער | 7. פֿײַער |
| ח. צדקה | 8. געלט |

## 3 צוגעבן אַן אונטערקעפּל

## חלק ג'

## ליטעראַטור

## 1) ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס 5/8

1. וואָס איז געווען דער ווונדער פֿונעם דאָרפֿסמאַן?

2. אַ משל זאָגט אונדז דער הייליקער חפֿץ-חיים. דערקלער
3. "כּל-נדרי" – וואָס דערמאָנסטו זיך?
4. "דעם קעניגס באַפֿעל איז פּינקטלעך אויסגעפֿירט געוואָרן" – וועלכעס?
5. דער פֿאַסטעך האָט זוך צוגעהערט צו זייער שמועס, וואָס איז דער המשך?
6. וואָס לערנט מען זיך אויס פֿון דער טשערפּאַכע און דעם האָז. אָן אמתן באַווײַז?
7. פֿון וואַנען לערנסטו זיך אויס אמונה? (ביי וועלכער מעשׂה)
8. ברענג 2 בײַשפּילן פֿון גיבורים פֿון אַ משל, אָקעגן גיבורים פֿונעם נמשל.

2) אין לעצטן בלאַט געפֿינט זיך אַ בילד. שרײַב אָן אַ קאָמפּאָזיציע. (10 שורות) (אַרײַנפֿיר, אינהאַלט, שליסן).

חלק ד'

<u>גראַמאַטיק</u>

1) אויפֿן זעלביקן בילד אינעם לעצטן בלאַט, באַשרײַבן: "דאָס לעבן אין שטעטל" – לויטן בילד, זיך באַניצן מיט:

- 8 אַדיעווקטיוון (תארים)
- 4 דאַטיוו (משפטי מושא עקיף)
- 4 אַקוזאַטיוו (משפטי מו"י)
- 2 פֿרעג-זאַצן (משפטי שאלה)

**2. <u>אָנפֿילן דעם פּאַסיקן אַרטיקל און אין אַדיעקטיוו דעם פּאַסיקן סופֿיקס</u> 10/18**

<u>א מעשׂה מיט ר' זושיען- ווער שיקט אַראָפּ דאָס עסן</u>

**1.__**רבי ר' זושיע פֿון אַניפּאָלע פֿלעגט יעדער טאָג פֿאַר **2.____**מאָרגנדיק **3.__**__________סעודה זאָגן: "טײַער **4.**___באַשעפֿער, ר' זושיע איז הונגעריק, ר' זושיע דאַנק אויף **5.**_____ גוט **6.**__ אַפּעטיט".
ווען **7.**_____ שמש האָט עס געהערט, האָט ער אים באַלד אַרײַנגעטראָגן **8.**____ עסן.
אין אַ טאָג האָט **9.**_____שמש באַשלאָסן צו איבערקוקן וואָס וועט זײַן אויב ער וועט נישט אַרײַנטראָגן **10.**____ פֿרישטיק, נאָך דעם ווי ר' זושיע וועט בעטן פֿון **11.**_____ אייבערשטער. ר' זושיע, אַזוי ווי יעדער טאָג, האָט זיך אויסגערופֿן:"ר' זושיע איז הונגעריק..". אין **12.**_____ מינוט איז אַרײַנגעקומען אַ ייִד מיט אַ גרויס **13.**____ טאַץ -___און אַרײַנגעפֿירט צום רבי14___. ווען **15.**___ייִד איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער **16.**_____ ייִד **17.**____ געפֿרעגט __ וואָס איז געשען. "הײַנט האָב איך געמאַכט אַ גרויס **18.**_____ סעודת-הודיה," נאָר דעמאָלט, האָט ער פֿאַרשטאַנען ווער באַזאָרגט ר' זושיעס עסן.

